# פרשת פנחס

**בס"ד. משיחת יום ה' פ' פינחס, י"ב תמוז ה'תשד"מ**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

אַז מ'גיט אַ קוק וועגן וואָס רעדט זיך אָנהויבנדיק פון חמישי ביז שישי – רעדט זיך דאָרטן וועגן "קרבני לחמי לאישי", אַז מ'זאָל מקריב זיין דעם קרבן תמיד, און צוויי מאָל אַ טאָג: "כבש אחד" זאָל זיין "בבוקר", און "הכבש השני תעשה בין הערביים". און מקריב זיין דאָס אין אַן אופן ווי מ'איז מקריב אַן **עולה**:

דערנאָך זאָגט מען: וואָס טוט מען בזמן שאין בית המקדש קיים, וואָס דעמולט איז ניט נאָר אַז מ'איז **ניט מחוייב** מקריב זיין אַ קרבן תמיד, נאָר **מ'טאָר ניט** מקריב זיין קיין קרבן תמיד – זאָגט דאָס תורה און מבאר, אַז תמידין איז "תפילות כנגד תמידין תקנום":

בשעת אין בית-המקדש קיים, איז במקום התמידין, האָט **תורה** מתקן געווען דער ענין התפילה. וועלכע תפילה? – וואָס זי קומט במקום התמידין: תפילה של בוקר ותפילה של ערבית, תפילה פון בין הערביים. און אין זיי דאַרף זיין דער ענין פון **עולה**.

און מ'זאָגט אים: וואָס איז דער ענין פון קרבן; וואָס איז דער טייטש פון "קרבן"? "קרבן" איז דער טייטש – ווי ס'שטייט אין מפרשים – **ענין של קירוב**.

וואָס איז דאָ דער קשר? – דער תכלית פון אַ קרבן איז, אַז דורך דערויף ווערט אַ איד, דער מקריב הקרבן – ווערט ער נאָך מער נענטער צו דעם צו וועמען ער איז מקריב הקרבן.

דערפון פאַרשטאַנדיק אויך בנוגע צו תפילה, אַז וואָס איז דער ענין התפילה?

– ער בעט טאַקע "אתה חונן לאדם דעת", אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן **שכל**, דערנאָך בעט ער וועגן "רופא חולים" און "מברך השנים" וכו';

אָבער דער תכלית העיקרית און כללות פון די אַלע ענינים איז – אַז ער ווערט דורך דערויף **נענטער** מיט דעם אויבערשטן, נאָך מערער ווי ער וואָלט געווען נאָענט בתפילה מצד דער תפילה וואָס ער האָט געדאַוונט נעכטן, אָדער מצד דער תפילה וואָס ער האָט געזאָגט "מודה אני לפניך" וכיו"ב. איז דער **תכלית הקירוב** ווערט – ווען ער איז מקריב די תפילות וואָס "כנגד תמידין תקנום".



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת פנחס

דערנאָך זאָגט מען, אַז דו קענסט דאָך טראַכטן, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז דיינע אַ פּערזענליכע זאַך, איז (אויב דו) ווילסט זיין (אַ מענטש קאַטאָרי [?]), אַן אדם השלם, אָט דעמולט ועסטו זיך פירן ווי ס'שטייט אין תורה, וועסטו זיין קרבן "בבוקר" און (אַ קרבן השני) "הכבש השני בין הערביים";

בשעת דו גייסט אַרום און שרייסט: אַזוי ווי דו ביסט אַ מענטש אַן "עצמאי" [אַן "אינדעפּענדענט"], ביסטו מסכים, ח"ו, אַז מ'זאָל דיר מעניש זיין, **אָבער דו ווילסט ניט דאַוונען!** ווילסט ניט מקריב זיין קיין קרבן! ומי יאמר לו מה תעשה! אַ צווייטן איז דאָס ניט נוגע! וויל ער מזיק זיין ביי זיך!

— שטייט אין תורה, אַז מ'טאָר זיך ניט מזיק זיין; אַ ציווי אין תורת חיים, אַז דער וואָס איז "החובל בעצמו" איז ער חייב בידי שמים! — בידי אדם, אַ צווייטער מענטש, קען אים גאָרנישט ניט טאָן, לכאורה; (ער זאָגט) דער צווייטער מענטש שרייט אָבער אויף אים, אַז ער זאָל וויסן זיין, אַז ער איז חייב בידי שמים.

נאָכמערער: מ'זעט אין חוקי המדינה און אין הנהגות בני-אדם, אַז כל אדם ישר הולך, אַז ער זעט אַז איינער שטייט אויפן "ברוקלין-ברידזש" און שרייט: אַזוי ווי ער איז אַ מענטש אויף זיך אַ בעה"ב — וויל ער אַראָפּשפּרינגען פון דעם גשר — פון דעם בריק — אונטן אין טייך אַריין! איי וואָס דערפאַר וועט ער ניזוק ווערן — איז מי יאמר לו מה תעשה!

איז יעדער ערלעכער מענטש און יעדער נאָרמאַלער מענטש, און מ'האָט אָנגעזאָגט די גאַנצע משטרה, אַלע פּאָליס-לייט, אַז זיי זאָלן טאָן כל העניינים און כל ההשתדלות מיט די גאַנצע שקלא-וטריא, און אַרויסרופן מאַשינעס און טאָן וואָס מ'קען — אויף ניט לאָזן אים אַז ער זאָל זיך מזיק זיין!

דערנאָך זאָגט מען, אַז די תפילה דאַרף זיין אין אַן אופן של עולה:

אויב ער וויל האָבן אַן אמת'ן קירוב מיטן אויבערשטן — איז דאָס ניט על-מנת לקבל שכר.

אמת טאַקע, אַז ער איז מקיים אַ מצוה על-מנת לקבל שכר — האָט ער מקיים געווען די מצוה;

אָבער אַן אמת'ער קירוב איז, איז דאָס פּונקט ווי בשעת מ'זאָגט — להבדיל — אַ קירוב פון איין מענטשן מיטן צווייטן, איז אויב ער ווערט מיט אים נאָענט כדי דורך דערויף זאָל ער פאַרדינען געלט — איז דאָס ניט קיין אמת'ע נאָענטקייט! אויב ער ווערט מיט אים נאָענט כדי ער זאָל האָבן מערער כבוד אָדער פאַרגעניגן וכיוצא בזה — איז דאָס ניט די אמת'ע נאָענטקייט; ער מיינט זיך! און ער נוצט אויס



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת פנחס

יענעם – כדי אים זאָל צוקומען! ניט ער ווערט צו אים נענטער; ער מאַכט פון אים אַזאַ, וואָס דורך אים זאָל ער קענען דערגרייכן זיין צוועק!

איז דער אמת׳ער ענין התפילה – וואָס דאָס איז תפילת תמידית – איז, בשעת דאָס איז אַן עולה: ס׳איז כולו לה׳! אָט דעמולט ווערט דאָס אַן אמת׳ער קירוב.

– להבדיל, ווי דערמאָנט פריער, ווען איז דאָ אַן אמת׳ער קירוב פון אַ פאָטער צום זון? ניט ווען ער טוט דאָס כדי דער זון זאָל אים אָפּגעבן כבוד, אָדער כדי ווען ער וועט זיין אַלט הונדערט מיט ניינצן יאָר, און וועט ניט קענען אַליין פאַרדינען אויף פרנסה – וועט ער דאַרפן ח״ו אָנקומען צו דעם זון און צו דער טאָכטער;

דער אמת׳ער קירוב און אהבה פון אַ פאָטער צום זון איז – אַז ער האָט ליב דעם זון דערפאַר וואָס דאָס איז זיינער אַ זון. במילא האָט ער אים ליב כנפשו. ניט ערוואַרטנדיק, אַז דערפאַר וועט ער באַקומען שכר, אָדער בשעת מעשה אָדער לאחר זמן.

ס׳דאַרף זיין דוקא אַ קרבן עולה!



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.